פרנסים פון דער קהלה, זענען געהאַט אַנטלאָפן קיין וואַרשע אין די פּאָר געבליבענע האָבן מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין גאַס. היות שלאָסער איז געווען אַ דאָקטאָר און געטראָגן אַן אָרעם־באַנד פון "רויטן־קרייץ", האָט ער זיך געפילט אַביסל זיכערער איז ער איז יאָ געגאַנגען אַהין אין דער קהלה צו זעען וואָס עס טוט זיך דאָרט. אַהינגערופן האָט אים זיין ידיד, דער אָרטאָדאָקסישער שרייבער ר' מיכל קעניג, דער איינציקער קהלה־באַאַמטער וואָס האָט נאָך געוואַגט צו אַמטירן. שלאָסער צוזאַמען מיט מיכל קעניג האָבן געגלויבט, אַז זיי קענען מיט זייער דייטש לינדערן די רדיפות אויף אידן, צו וועלכע די דייטשן האָבן זיך גענומען.

דאָס איז געווען דר. שלאָסער'ס אומגליק. דער הויפּט פון דער געסטאַפּאָ האָט אויפן אָרט דר. שלאָסער (וועלכער האָט אויך גערעדט אַ שיינעם דייטש נאָכדעם ווי ער האָט שטודירט מעדיצין אין ווין) און מיכל קעניג באַשטימט אַלס די ערשטע פאַרבינדונגס־מענטשן מיט דער אידישער קהלה. באַלד נאָכדעם האָבן זיי באַפּוילן דר. שלאָסער און מיכל קעניג צונויפצובורענגען די קהלה־פירער און דורך זיי איז טאַקע רומקאָווסקי (וועלכער איז פאַר אַלע יאָרן געווען אַ קהלה־דאַזאָר), געבורענגט געוואָרן אין דער קהלה.

ווען רומקאָווסקי האָט באַזונדערס "נושא־חן" געווען ביי די דייטשן און אויף זייער באַפעל צונויפגעשטעלט דעם אידישן "עלטעסטן־ראַט" האָט ער דאָרט אַריינגענומען דר. שלאָסער, וועלכער האָט שוין געהאַט קאָנטאַקטן מיט אַ צאָל "בעסערע" דייטשן. אָבער, ווי באַקאַנט, זענען כמעט אַלע וואָס רומקאָווסקי האָט אַריינגענומען אין זיין "עלטעסטן־ראַט" אַרעסטירט געוואָרן ביי דער ערשטער זיצונג דורך דער געסטאַפּאָ און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ראַדאָגאָשטש. דר. שלאָסער איז געווען צווישן זיי און צוזאַמען מיט זיי אומגעבראַכט געוואָרן נאָך פיל עינויים אַ פּאָר וואָכן שפּעטער.

## ר' יצחק צעדערבוים ז"ל

אַן אָריגינעלע פּערזענליכקייט אין לאָדזש איז געווען דער פּועלי־אגודת ישראל פירער און זייער פאָרשטייער אין דער לאָדזשער קהלה ר' יצחק צעדערבוים.

ר' יצחק צעדערבוים איז געווען דער אייגנטימער פון אַ קליינער דרוקעריי אין וועלכער ער האָט אַליין שווער באַדאַרפט אַרבעטן בכדי אַרויסצושלאָגן די חיונה פאַר זיין משפחה. אָבער אין אמת'ן האָט ער מער צייט פאַרבראַכט אין דער קהלה און אין אַנדערע כלל־מוסדות ווי אין זיין וואַרשטאַט. אָפטמאָל האָט ער אינמיטן טאָג פשוט פאַרשלאָסן די דרוקעריי, בכדי זיך אָפּצוגעבן מיט די נויטן פון כלל, און נאָכמער די נויטן פון יחידים וואָס זענען צו אים געקומען פאַר אַ טובה.

אין דער קהלה האָט ער זיך טאָג איין און טאָג אויס באַמיט פאַר אָרימע אידן צו קריגן שטיצע. ער פלעגט לויפן צו רייכע ווירטס־לייט אָפּצודינגען אָדער אָפּצולייגן דאָס צאָלן פון דירה־געלט פאַר אידן ווען ס'איז שווער צו באַצאָלן פאַר זייערע דירות און צו אידישע פאַבריקאַנטן אָנצושטעלן אידישע יונגעלייט אַלס אַרבעטער. אַזוי זענען רוב ימיו געווען אויסגעפילט פון טאָן מצוות און מעשי חסד.

## ר' אברהם שמואל ווייסבערג ז"ל

אַ באַקאַנטער און פּאָפּולערער כלל־עסקן וואָס האָט זיך פיל פאַרדינט געמאַכט פאַר תורה־אידישקייט אין דער א.ג. גייערס־מאַרק ראַיאָן פון לאָדזש איז געווען דער אינדוסטריעלער ר' אברהם שמואל ווייסבערג, דער וויצע־פּרעזעס און איינער פון די טעטיקסטע פירער פון דעם אגודת ישראל סניף אין יענער געגנט.

ר' אברהם שמואל ווייסבערג איז געבוירן געוואָרן יאָר 1890 אין אָזאָרקאָוו נעבן לאָדזש. און נאָך דער הייראַט מיט זיין פרוי אסתר טאַנדאַווסקי, זיך איבערצויגן קיין לאָדזש, וואו ער האָט פאַרלייגט און אָנגעפירט מיט אַ שפּינערייַ אויף סענטאָרסקע 25.

פון זיינע יונגסטע יאָרן איז ער געווען טעטיק אין עניני הכלל, און ווען ער האָט זיך באַזעצט אין גייערס מאַרק, האָט ער דאָרט געהאָלפן גרינדן אַן אגודת ישראל, און דורך דער אגודת ישראל אויך אַ חדר "יסודי התורה" און אַ בית יעקב שולע, אין וועלכע ער איז געווען שטאַרק טעטיק. די מוסדות פון דער אגודת ישראל אין גייערס־מאַרק, זענען געווען אַ שם דבר און גאָר אַ סך איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען די אומדערמידליכע טעטיקייטן פון ר' אברהם ווייסבערג.

ר' אברהם שמואל איז אויך געווען איינער פון די עמודים פון גערער שטיבל אין גייערס־מאַרק און די אָרטאָדאָקסישע אידן אין דער געגנט זענען פאַר אַלע יאָרן אים געווען דאַנקבאַר, וואָס ער האָט געהאָלפן פאַרוואַנדלען גייערס־מאַרק אין אַ ישוב מיט וועלכן זיי האָבן געקענט שטאָלצירן.

ניט קיין חידוש, אַז ער איז געווען איינער פון די הויפּט־דעלעגאַטן פון דער לאָדזשער אגודה סיי ביי אירע לאַנדעס־קאָנפערענצן אין וואַרשע און אויך ביי די כנסיות גדולות פון אגודת ישראל אין ווין און אין מאַריענבאַד. אין באַריכטן פון די אגודה קאָנפערענצן ווערט זיין נאָמען מערערע מאָל דערמאָנט צווישן די טעטיקסטע דעלעגאַטן.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודז' - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס : 225 הודפס ע"י אוצר החכמה

# הרב יוסף פאַצאַנאָווסקי ז"ל

הרב ר' יוסף פאַצאַנאָווסקי, אַ דערפאָלגרייכער סוחר און דערביי אַ גאון בתורה, דער מחבר פון ספר "פרדס יוסף", איינע פון די קלאַסישסטע חיבורים על התורה וואָס זענען דערשינען אינם לעצטן יאָרהונדערט (און אַנדערע חשוב'ע ספרים), איז פאַקטיש ניט געווען קיין לאָדזשער תושב. ער האָט למעשה רוב ימיו געוואוינט אין דעם באַקאַנטן שכנות'דיקן שטעטל פאַביאַניץ, אָבער די שרידים פון לאָדזשער אידן האָבן אים אַלעמאָל פאָרט באַטראַכט (און זיך מיט אים געגרויסט) אַלס לאָדזשער. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיינע מסחרים (ווי זיין לערנען) האָבן אים גאַר אָפט געברענגט קיין לאָדזש. דערצו האָט ער זיך אייניקע יאָר פאַר דער מלחמה אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש, און האָט אויך מיטגעליטן און נפטר געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ. דערפאַר האָט ער זיך אויך אָן ספק פאַרדינט אַ חשוב'ן פלאַץ אין אונזער לאָדזשער "פנקס".

רבי יוסף פאַצאַנאָווסקי האָט געשטאַמט פון אַ גאָר גרויסן רבנישן און לומדישן יחוס. צווישן די פאָרגייער אין זיין משפחה געפונען מיר די נעמען פון גאוני עולם ווי דער ש"ך, ר' יעקב מליסא, ר' אלעזר הכהן פון פולטוסק און פלאָצק און ר' דוד דוב מייזליש פון לאַסק, וועמענס איידעם ס'איז געווען זיין פאטער, איינער פון די נכבדים פון פיעטריקאָוו ר' משה יהודה פאַצאַנאָווסקי ז"ל.

ר' יוסף פאַצאַנאָווסקי אַליין איז געווען אַ תלמיד פון באַרימטן זאקראָטשינער רב רבי יחיאל מיכל הכהן, ביי וועמען ער האָט געלערנט אַ צאָל יאָרן, און שוין פון דעמאָלט אָן יונגערהייט ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין ספרים פון באַרימטע גדולים, מיט וועמען ער האָט זיך קאָרעספּאָנדירט אין חידושי תורה. נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ער מחבר געווען אַ ספר "פרי יוסף" אויף מס' גיטין.

ר' יוסף פאַצאַנאָווסקי האָט אַלזאָ זיכער געקענט פאַרנעמען אַ גרויסע רבנישע פּאָזיציע. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אָבער ניט געוואָלט נהנה זיין "מכתרה של תורה", נאָר נאָך זיין חתונה פאַרלייגט אַ גרויס האָלץ געשעפט אין פאַביאַניץ. געהאָלפן פיל, אַז ער זאָל דערביי פאַרבלייבן ביים לערנען האָט אַפּנים זיין פרוי רחמה, אַן אייניקל פון ר' פישעלע סטריקעווער. אין דער הקדמה צו זיין שפּעטערדיק גרויס ווערק "פרדס יוסף" דאַנקט ער טאַקע זיין פרוי "וועלכע האָט מיר אַ סך געהאָלפן אין מסחר; אַזוי אַרום האָב איך געקענט לערנען און שרייבן "חידושי תורה"...

וועגן זיין התמדה און זיין גאונות נעבן זיינע מסחרים, פלעגט מען נאָך בחייו זיך פיל אָנדערציילן אין לאָדזש, וואו ער פלעגט אָפט פאַרברענגען מיט לאָדזשער רבנים און לומדים. וועגן דעם האָט מען אויך פיל געהערט נאָך דעם לעצטן חורבן פון הרב ר' ישראל יצחק פיעקאַרסקי ז"ל (אַ תושב פון לאָדזש פאַר אַ צאָל יאָרן), דער רב פון קהלת בית־יעקב אין קווינס, און ר"מ פון "תומכי תמימים" אין ניו־יאָרק, וועלכער פלעגט עס שילדערן ביי פיל געלעגנהייטן. אָבער אַמבעסטן ברענגט עס צום אויסדרוק דער באַרימטער פאַביאַניצער רב (און ברודער פון "אמרי אמת") רבי מענדאלע אַלטער, וועלכער שרייבט אין זיין הסכמה צו "פרדס יוסף": "הנמצא כזה איש אשר הנהו טרוד על המחיה ועל הכלכלה, ונמנה בין סוחרי ארץ, עכ"ז יוסף הוא השליט ברוחו פי שנים, לקבוע עתים לתורה ולחדש חידושים, לעשות ציצים ופרחים לתורה, ויגעתי מצאתי תאמין"...

באַקאַנט איז אויך דאָס גרויסע אָרט וואָס ר' יוסף פאַצאַנאָווסקי האָט געהאַט ביים גערער רבי'ן דער "אמרי אמת". ער איז געווען צווישן די יחידים מיט וועמען דער גערער רבי פלעגט אָפט פאַרברענגען אין פערזענליכע




שער הספר - מהדורה ראשונה - (תרצ"א)



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודז' - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס: 226 הודפס ע"י אוצר החכמה

תורה־שמועסן. פון דער תורה־קאָרעספּאָנדענץ צווישן רבי'ן און ר' יוסף פּאַצאַנאָווסקי זעט מען קלאָר ווי ווייט דער גערער רבי האָט אים מחשיב געווען.

ווי עס ווייזט אויס, האָט ר' יוסף פּאַצאַנאָווסקי פיל יאָרן געאַרבעט אויף זיין "פרדס יוסף". וואָרום ערשט נאָכדעם ווי ער האָט (אין תרפ"ז) אָפּגעדרוקט אַ פּאָר אויסצוגן פון זיין געפּלאַנטן ספר אין דעם באַקאַנטן תורה־זשורנאַל "קול תורה", און געזעען דאָס התפעלות וואָס זיינע חידושי־תורה האָבן אַרויסגערופן, האָט ער (אין יאָר תרצ"א) געלאָזן אָפּדרוקן זיין ערשטן חלק פון "פרדס יוסף" אויף בראשית. דער בעסטער עדות אויף דעם ענטוזיאַזם וואָס זיין ספר האָט אַרויסגערופן, זענען די הסכמות פון די באַרימטסטע גאוני וגדולי הדור, וואָס באַשיינען דעם אַריינפיר צום ספר.

שוין דער ערשטער חלק פון דער "פרדס יוסף" האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקן אָנזעען אין דער תורה־וועלט. זעקס יאָר שפּעטער האָט ר' יוסף פּאַצאַנאָווסקי פאַרעפנטליכט (דאָס מאָל טאַקע שוין אין לאָדזש) זיין "פרדס יוסף" אויף שמות, און אַט דער חלק אַנטהאַלט אויך העכער צוואַנציק ענטוזיאַסטישע הסכמות (צוזאַמען מיט פיל הערות) פון באַרימטע גאונים און גדולים פון אַלע וועלט־טיילן. אין יאָר תרצ"ט, אינם יאָר איידער ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה איז דערשינען דער דריטער באַנד אויף ויקרא, און אין דער הקדמה דרוקט דער מחבר אויס אַ בקשה און אַ תפילה צו "קענען משלים זיין דעם חיבור אויף גאַנץ תורה און חידושים אויף פלפול און אגדה"...

ווי עס ווייזט אויס פון פילע ערטער אין די ערשטע דריי כרכים פון "פרדס יוסף", האָט ער שוין געהאַט גרייט פיל חידושי־תורה אויף במדבר און דברים, אָבער ס'איז אים און די תורה־וועלט ניט באַשערט געווען צו קענען דאָס "משלים זיין". וואָרום סוף תרצ"ט איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ס'איז געקומען דער חורבן. ר' יוסף פּאַצאַנאָווסקי וועלכער האָט זיך אין די לעצטע צוויי יאָרן פריער געהאַט באַזעצט אין לאָדזש, איז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אידן איינגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָ.

פון זיין לעבן אין געטאָ, האָט אַ געראַטעוועט אייניקל (מרס. אסתר סטריקאָווסקי, היינט אין ארץ ישראל) דערציילט, אַז אין אָט די ביטערע נויט יאָרן איז ר' יוסף טאָג און נאַכט געזעסן און געלערנט און ווייטער געשריבן זיינע חידושי תורה. זיי זענען נאַטירליך אַלע פאַרלוירן געגאַנגען, ווען דאָס געטאָ איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן. ער איז נפטר געוואָרן אין כ"ב אייר תש"ב און נאָך זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל.

רבי יוסף פּאַצאַנאָווסקי האָט נעבן דעם "פרדס יוסף" אָנגעשריבן נאָך אַ ריי ספרים: 1) ספר אויף סוגיות הש"ס; 2) אַ קונטרס אויף הלכות עדות; 3) חידושים אויף מס' קידושין; 4) אַ חיבור אויף דרוש; 5) אַ ספר אויף דער הגדה של פסח און 6) אַ קונטרס אויף עניני ישוב א"י. אַלע די ספרים זענען פאַרלוירן געגאַנגען. ס'האָט זיך אָבער יאָ אָפּגעראַטעוועט אַ ספר "גן־יוסף", אַ פּאָפּולערע זאַמלונג פון "מאמרים צחים מגדולי הדור, דור דור ודורשיו... אחוזים ודבוקים בעקב איזה מקרא או מאמר חז"ל". ער אַנטהאַלט פופצן־הונדערט מאמרים על התורה ומועדים, אבות, עניני מידות ויר"ש. דעם כתב־יד האָט זיך דערוואָרבן דער מכון "פרדס" אין א"י מיט דעם פּלאַן צו פאַרעפנטליכן.

רבי יוסף פּאַצאַנאָווסקי האָט געהאַט צוויי זין תלמידי חכמים און אַ טאָכטער. דער עלצטער ר' דוד הי"ד איז געווען אַ גאָר אויסגערופענער גדול בתורה און געווען אַן איידעם פון זגערזשער רב ר' שלמה יהודה הכהן ז"ל, ער ווערט דערמאָנט אין ספר מערערע מאָל. ער און אַ צאָל קינדער זיינע זענען אומגעקומען. פון ר' דוד'ס משפחה האָט זיך געראַטעוועט מרס. חלציה נוניו. פון צווייטן זון ר' יעקב האָט זיך געראַטעוועט אַ טאָכטער מרס. חי' בראַנד, און אויך פון זיין טאָכטער חי', ביי וועמען ער האָט געוואוינט אין לאָדזש, האָט זיך געראַטעוועט אַ טאָכטער, די שוין אויבן דערמאָנטע מרס. אסתר סטריקאָווסקי.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
לודזי - פנקס לאדזש ספר קהילה עמוד מס: 227 הודפס ע"י אוצר החכמה